**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/6/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט פארענדיגונג פון א 17.8 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט צו אויפבויען די 'מעספעט פארק' אין קווינס**

***פארק ברענגט נייע קאמיוניטי פלאץ און פארווייילונג איינריכטונגען נעבן די קאַסיאָסקאָ בריק***

***בילדער פון מעספעט פארק פארעפנטליכט [דא](#)***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט די פארענדיגונג פון א 17.8 מיליאן דאלארדיגער פראיעקט צו אויפבויען מעספעט פארק, די ערשטע פארק צו געבויט ווערן אין די מערב טייל פון מעספעט אין קווינס. די פארק וואס איז פארענדיגט געווארן אויף די פלאנירטע צייט געפונט זיך נישט ווייט צו גיין פון ארומיגע באוואוינטע געגנטער, אריינרעכענענדיג סאַניסייד און וועסט מעספעט. די פארק רעכנט אריין מערערע בענעפיטן פאר די הנאה פון באזיכער, ווי צום ביישפיל א פארווייילונג ארט וואס באשטייט פון שפילערייי טישלער, פיקניק טישלער, א בעסקעטבאל פעלד און דזשים עקוויפמענט פאר ערוואקסענע. א נייע ערשט-קלאסיגע סקעיטינג פלאזא, דעזיינט פאר אזעלכע וועלכע הויבן נאר אן ביז אזעלכע וועלכע זענען שוין גוט געניט, איז אויך געבויט געווארן. די פלאזא האט פראפעסיאנאלע ספארטס באלייכטונג כדי שפילערייען זאלן קענען פארקומען ביינאכט. די בעסטקעטבאל פעלד וועט אויך דינען אלס א פלאץ פאר פארשידענע פארזאמלונגען מיט באלייכטונג פאר ביינאכט און פארענטשעס אויף די זייט. געשעענישן וועלן אפגעהאלטן ווערן דארט דורכאויס די גאנצע יאר און אנגעפירט דורך די ניו יארק סיטי דעפארטמענט פון פארקס און פארוויילונג (New York City Department of Parks and Recreation, NYCDPR). די פארק איז געבויט געווארן אויף קרוב צו אן אקער פון נישט אויפגעבויטע לאנד וואס איז פארדעם גענוצט געווארן דורך די סטעיט אלס א סטארעדזש פלאץ דורכאויס די קאנסטרוקציע פון די נייע קאַסיאָסקאָ בריק וואס איז פארענדיגט געווארן אין 2019. די פארק שטייט נעבן די קאַסיאָסקאָ בריק ביי די אינטערסעקשען פון 43rd Street און 54th Road.

"די פארענדיגונג פון דעם פראיעקט שטרייכט אונטער אונזער איבערגעגעבנקייט צו פארבעסערן די קוואליטעט פון לעבן פאר אלע ניו יארקער דורכן מאדערניזירן אונזער טראנספארטאציע אינפראסטרוקטור און צושטעלן באקוועמליכקייטן פאר יעדן'ס פארגעניגן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די דערגרייכונג איז נאך א טריט אין ריכטונג פון אויפבויען א בעסערע ניו יארק און פארבעסערן די פארבינדונגען צווישן בארא'ס."

קאנסטרוקציע רעכנט אריין נייע טראטוארן לענגאויס די גרעניצן פון די פארק פירנדיג צו די קאַסיאָסקאָ בריק'ס ביציקל און פיסגייער וועג. די וועג פארבינדט זיך צו די נייע 'גרינוועי' אונטער די בריק אין ברוקלין.

אנדערע מאדערניזירונגען רעכענען אריין LED באלייכטונג און טרונקען וואסער קראנען אריבער די פארק, פובליק בית כסא'ס, א נייע דרייוועי פאר אויפהאלטונג ארבייטער, טראטוארן, ציגל אויף די זייט פון די ראוד און וואסער אפלויף אינפראסטרוקטור פאר די איינריכטונג. א נייע געביידע איז אויך געבויט

געווארן פאר די NYCDPR'ס דיסטריקט אפעראציעס, באשטייענדיג פון אן אפיס און גאראזש פאר אויפהאלטונג און אפעראציעס איינגעשטעלטע. א "גרינע דאך" באשטייענדיג פון פלאנצונגען איז אינסטאלירט געווארן אויף די געביידע צו פארבעסערן די לופט קוואליטעט און ענערגיע שפארזאמקייט, אפכאפן שטורעם וואסער און רעדוצירן שטאטישע היץ.

**ניו יארק סטעיט קאמישאנער מערי טעריזע דאמינגעז האט געזאגט,** "ענליך צו די רענאוואציע און אויסברייטערונג פון די 'סארדזשענט וויליאם דאָוערטי פארק' אויף די ברוקלין זייט פון די קאַסיאָסקאָו בריק — האט די סטעיט רעגירונג אויפגעבויט מעספעט פארק צו דינען אלס א גאר נויטיגע קאמיוניטי פלאץ און פארוויילונג ארט אויף די קווינס זייט פון די בריק. די פארק שטרייכט אונטער גאווערנער האקול'ס איבערגעגעבנקייט צו זיכער מאכן אז טראנספארטאציע פראיעקטן ווערן דעזיינט צו באווייכערן די קוואליטעט פון לעבן פאר לאקאלע איינוואוינער."

**קאנגרעספרוי ניידיע וועזקעז האט געזאגט,** "איך בין באגייסטערט מיט די אנאנס איבער די פארענדיגונג פון מעספעט פארק וואס וועט שטאלצערהייט האבן א גרויסע פארוויילונג ארט, א בעסקעטבאל פעלד פאר פארשידענע צוועקן, אן ערשט-קלאסיגע סקעיטינג פארק און פילע אנדערע באקוועמליכקייטן פאר די פארגעניגן פון די מענטשן פון קווינס. די אינוועסטירונג אין א פארק פון א הויכע קוואליטעט וועט ברענגען גאר נויטיגע גרינע שטחים צו קווינס און זיכער מאכן אז מענטשן אין מעספעט, סאָניסייד, בליסוויל און ארומיגע געגנטער האבן א פלאץ וואו זיי קענען זיך צוזאמקומען מיט פאמיליע און פריינט, מאכן איבונגען אדער סתם הנאה האבן פון די דרויסנדיגע לופט פריי פון אפצאל. איך וויל באדאנקען גאווערנער האקול, די NYC דעפּארטמענט פון פארקס און פארוויילונג און אלע אנדערע סיטי פירער וועלכע האבן געארבעט אזוי שווער צו מאכן די חזון פון מעספעט פארק פאר א מציאות."

**סטעיט סענאט דעפיוטי פירער מייקעל דזשיענעריס האט געזאגט,** "די פארוויילונג פלאץ איז א צוגאב צו די מעספעט געגנט וואס וואלט שוין פון לאנג געדארפט געמאכט ווערן, און איך בין פרייליך אז די ארבעט איז ענדליך פארטיג. איך בין שטאלץ געווען צו שתדל'ן פאר דעם פראיעקט, און איך קוק ארויס זיך צו אנשליסן מיט אונזערע קאמיוניטי מיטגלידער הנאה האבנדיג פון די פלאץ בקרוב."

**קאונסיל מיטגליד ראבערט האלדען האט געזאגט,** "אונזער קאמיוניטי האט געדארפט מער גרינע שטחים, און די אנקום פון מעספעט פארק וואלט נישט געקענט קומען אין א בעסערע צייט. א דאנק פאר די גאווערנער און אלע וועלכע זענען געווען פארמישט פארן מאכן דעם טרוים פאר א מציאות!"

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן